STATE OF NEW YORK | EXECUTIVE CHAMBER

ANDREW M. CUOMO | GOVERNOR

**פאר זאפארטיגע ארויסגעבונג:** נאוועמבער 7, 2012

## דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס וועט אנבאטן אינשורענס הילף פאר סטעטן איילענד (STATEN ISLAND) איינוואוינער דאנערשטאג

***דעפארטמענט פארטרעטערס זענען עוועילעבל צו ענטפערן אינשורענס פראגעס ביי Miller Field, 600 New Dorp Lane, פון 9 צופרי ביז 5 נאכמיטאג, דאנערשטאג, נאוועמבער 8***

***פראגראם וועט געהאלטן ווערן איבער דער וועטער ערלויבט***

***שטורעם האטליין ווערט אויך געסטעפט צו העלפן קרבנות פון שטורעם סענדי (Sandy)***

בענדזשאמין מ. לאוסקי (Benjamin M. Lawsky), סופעריטענדענט פון פינאנציעלע סערוויסעס, האט געמאלדן אז פארטרעטערס פון דעם דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס וועלן זיין אויף סטעטן איילענד (Staten Island) מארגן פון 9 צופרי ביז 5 נאכמיטאג, איבער דער וועטער ערלויבט, כדי צוצושטעלן הילף פאר היים אייגנטימערס, רענטערס און ביזנעס אייגנטימערס מיט אינשורענס אישוס וואס שטאמען פון די שאדענעס אנגעמאכט דורך סענדי (Sandy).

די פארטרעטערס פון דעם דעפארטמענט וועלן זיין עוועילעבל זיך צו טרעפן מיט סטעטן איילענד (Staten Island) איינוואוינער אינעווייניג די אגענטור'ס מאבייל קאמענד צענטער, וועלכער וועט זיך געפינען ביי Miller Field, 600 New Dorp Lane.

די פארטרעטערס פון דעם דעפארטמענט וועלן העלפן בירגערס קאנטאקטירן זייערע אינשורערס אויב זיי האבן נישט געקענט זעלבסט דאס צו טאן, און ענטפערן פראגעס איבער אינשורענס דעקונג פאר היים אייגנטימערס, רענטערס און ביזנעס אייגנטימערס.

מען מוטיגט יענע בירגערס וואס קענען נישט גיין צום מאבייל קאמענד צענטער צו רופן דעם דעפארטמענט'ס שטורעם האטליין אויף 339-1759 (800) צווישן 8 צופרי ביז 8 ביינאכט, מאנטאג דורך פרייטאג, אדער פון 9 צופרי ביז 4 נאכמיטאג איבער סוף וואך. אינשורענס אינפארמאציע איז אויך עוועילעבל אויף דעם דעפארטמענט'ס וועבסייט, www.dfs.ny.gov.

###


מער נייעס צו טרעפן אויף www.governor.ny.gov

ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418


Yiddish